בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' | עשי"ת | צום גדלי' | תשע"ב | פסחים: ק:

# באריכט:

## ראש השנה העעל"ט בצל הקודש אין וויליאמסבורג

### ליל א' דר"ה

דעם ערשטען נאכט יו"ט איז מרן רבינו שליט"א אריינגעקומען צו מנחה אין ביהמ"ד הגדול ארום 7:45 , ווי דער רבי שליט"א האט געדאווענט דעם לעצטע תפילה פון יאהר פאר'ן עמוד מיט גרויס התעוררות.

נאך מנחה איז ווי יאהר יערליך פאהרגעקומען דער אפיעל לטובת דעם כולל תו"י דרב"י אין וויליאמסבורג ווי עס זיצן אזויפיל אינגעלייט על התורה ועל העבודה, ווי עס האט אויפגעטרעטן דער ראש הכולל הרה"ג ר' נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א.

נאך תפילת מעריב ווי דער רבי שליט"א האט כנהוג געדאווענט פאר'ן עמוד, האט דער רבי שליט"א אנגעוואונטשן לשנה טובה פאר די רבני וזקני הקהלה שליט"א, און דערנאך איז דער עולם אדורך כבני מרון ביי מרן רבינו שליט"א לברך ולהתברך בברכת לשנה טובה, וואס א דאנק די גאהר געניטע סדר פון די איבערגעגעבענע עסקנים שע"י קהלתינו הק', האט געהערשט א מורא'דיגע סדר און דער גאנצער ציבור בליעה"ר האט געהאט די מעגליכקייט אדורך צו גיין לקבל ברכת הקודש, וואס האט גענומען א לענגערע צייט.

במשך די צייט וואס דער ציבור איז אדורך געגעאנגען לברך ולהתברך זענען פארשידענע רבני ואדמורי העיר שליט"א געקומען זיך וואונטשטן ביי מרן רבינו שליט"א בברכת לשנה טובה.

אום 11:30 בערך איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום עריכת השלחן אין היכל תהילת יהוסף. מיט'ן זמר לדוד מזמור האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יחזקאל שרגא גלאנץ שליט"א, דער תוכן דברות קודש פון אלע תורות און דרשות וועט אי"ה נאכפאלגן, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' אלי' סימאן שליט"א ר"מ בישיבתיה"ק בקרית יואל.

### יום א' דר"ה

ארום 8:00 איז דער רבי שליט"א ערשינען צו שחרית, פסוקי דזמרה האט געדאווענט הרה"ג ר' אברהם וואלף שנעעבאלג שליט"א מו"צ ב'קהלתינו הק', תפילת שחרית האט געדאווענט פאר'ן עמוד הרה"ג ר' אלטר טייטלבוים שליט"א בן הרה"ג ר' לייבוש טייטלבוים שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד וקרית ויואל משה.

מיט פתיחת הארון קודש ביי קריאת התורה איז מכובד געווארן הרה"ג ר' שמעי' גרינבוים שליט"א בעמח"ס סייעתא דשמיא, און הרה"ג ר' ירמי' טייטלבוים שליט"א. דער רבי שליט"א האט כנהוג געליינט די קריאהביידע טעג יו"ט.

די עלי' פון כהן האט עולה געווען הרה"ח מוה"ר שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א משב"ק, לוי – מוה"ר חיים מענדל פריעדמאן הי"ו, שלישי – הרבני הנגיד מוה"ר מאיר זעליג ריספלער הי"ו, חמישי – מרן רבינו שליט"א.

מיט הגבה אויפן ערשטן ספר תורה איז מכובד געווארן הרבני הנגיד מוה"ר ברוך מרדכי מארקאוויטש הי"ו פון קרית יואל, און מיט גלולה איז מכובד געווארן מוה"ר עזריאל פאלאטשעק הי"ו.

מפטיר האט עולה געווען מוה"ר שמואל דייטש הי"ו, און מיט הגבה איז מכובד געווארן מוה"ר עזריאל מאיר קאהן הי"ו מהנהלת ביהמ"ד ברך משה, און מיט גלולה איז מכובד געווארן העסקן מוה"ר יעקב בר"ב יאקאבאוויטש הי"ו.

דער רבי שליט"א האט ביים "מי שברך" ביים עולה זיין מזכיר געווען בניו וחתניו שליט"א, און אין א באזונדערע מי שברך מזכיר געווען אחיו וגסיו שליט"א בני כ"ק רבינו בעל ברך משה זי"ע, און א באזונדערע מי שברך פאר חותנו כ"ק אדמו"ר מ'וויזניץ שליט"א לרפו"ש, ואחיו האדמו"ר מ'וויזניץ מאנסי שליט"א, און גסיו בני וחתני האדמו"ר מ'וויזניץ שליט"א.

אויך האט דער רבי שליט"א מזכיר געווען הגאון הגדול פוסק הדור הגר"ש וואזנער שליט"א, כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א, כ"ק אדמו"ר מ'טאהש שליט"א, כ"ק אדמו"ר מ'סקולען שליט"א, כ"ק אדמו"ר מ'מונקאטש שליט"א, כ"ק אדמו"ר מפ'שעווארסק שליט"א.

אום 2:10 איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צו די דרשה פאר תקיעת שופר און מעורר געווען לבבות ישראל מיט דברי התעוררות לתשובה פאר בערך א האלבע שעה. און נאך די דרשה האט דער רבי שליט"א געזאגט קדיש דרבנן און דערנאך איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' שמעון עוזר ב"ר משה יוסף מיטעלמאן הי"ו ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל, און דאן איז דער רבי שליט"א ארויף צו די בימה צו תקיעת שופר.

ארום 6:15 האט דער רבי שליט"א געענדיגט תפילת מוסף, און באלד דערנאך געדאווענט מנחה, ווי הרה"ג ר' לייבוש וויינפעלד שליט"א איז געווען בעל תפילה.

ביי די סעודת יו"ט בביתו נאוה קודש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר משולם זושא מייזליש שליט"א בן הגה"צ ר' חיים צבי שליט"א ראש ישיבתינו בבני ברק מיט לדוד מזמור, און מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' זלמן לייב מייזליש שליט"א דומ"ץ בקהלתינו הק' אין בארא פארק.

## ליל ב' דר"ה

תפילת מעריב די צווייטע נאכט יו"ט האט דער רבי שליט"א געדאווענט בביהמ"ד עצי חיים סיגוט שע"י ביתו נאוה קודש, ווי הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש נ"ו משב"ק האט געדאווענט פאר'ן עמוד.

דער רבי שליט"א איז אריינגעקומען צום טיש אין היכל תהילת יהוסף אום 11:30 , ווי דער רבי שליט"א

האט נאך קידוש טועם געווען און פארטיילט שיריים פון די "שהחיינו פירות" כנהוג.

מיט לדוד מזמור האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' קלמן יושע אשכנזי שליט"א בן האדמו"ר מ'סטאניסלאוו שליט"א פון לאנדאן, און מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' מרדכי אהרן מייזליש שליט"א רב דביהמ"ד איחוד התלמידים.

## יום ב' דר"ה – ערש"ק

ארום 7:45 אינדערפרי איז מרן רבינו שליט"א ערשינען צו תפילת שחרית אין ביהמ"ד הגדול, פסוקי דזמרה האט געדאוונט פאר'ן עמוד הרה"ג ר' בנציון לאוב שליט"א מו"ץ ב'קהלתינו הק', און תפילת שחרית האט געדאוונט פאר'ן עמוד הר"ר אלעזר מענדל פילאפף שליט"א ר"מ בישיבת קרן התורה ד'סאטמאר.

מיט די פתיחות ארון הקודש פאר קריאת התורה איז מכובד געווארן הרה"ג ר' יעקב יהודה לייכטאג שליט"א בעמח"ס ביכורי יהודה, און הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א מו"ץ בקרית יואל ור"מ ישיבה לצעירים.

כהן האט עולה געווען מוה"ר משה לייב טרעגער הי"ו, לוי – מוה"ר נחום קלאגסברוין הי"ו, שלישי – הר"ר ירמי' טייטלבוים הי"ו, רביעי – מוה"ר יקותיאל אהרן ווייס הי"ו מנהל מחנה רב טוב, חמישי – מרן רבינו שליט"א. מפטיר האט עולה געווען הרבני הנגיד מוה"ר יצחק ראזענבערג הי"ו ס. ראה"ק.

אום 1:20 איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צו די תקיעת שופר דרשה. און אום 5:00 האט מען געענדיגט תפילת מוסף.

ביי די סעודת יו"ט בביתו נאוה קודש האט דער רבי מכבד געווען הב' בנש"ק בן הרה"ג ר' אברהם מאיר האלבערשטאם שליט"א דומ"ץ דקהלתינו 18'טע עוו. מיט אתה נגלית, און דער רבי שליט"א געבענטשט כנהוג ביי די לעצטע סעודה פונעם יו"ט.

## ליל שב"ק

דער רבי שליט"א איז אריינגעקומען צו מנחה אין ביהמ"ד הגדול אום 7:15, ווי עס האט געדאוונט פאר'ן עמוד הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א מו"ץ בקרית יואל ור"מ ישיבה לצעירים, קבלת שבת האט געדאוונט פאר'ן עמוד הגה"צ ר' חיים הערש שליט"א בן מרן רבינו שליט"א אב"ד סיגוט. און נאכ'ן דאווענען איז דער רבי שליט"א ארויף אויפ'ן ארון הקודש ווי דער רבי האט אנגעוואונטשן דעם גאנצן קהל הקודש בברכת גוט שבת.

אום 10:30 איז דער רבי שליט"א ארייגעקומען צום עריכת השלחן אין היכל תהילת יהוסף. מיט אשת חיל האט דער רבי שליט"א מכבד געווען נכדו הב' יוקל נ"י בן הגה"צ ר' ברוך שליט"א חדב"ן ורב ביהמ"ד ויואל משה – ברך משה בקרית יואל. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אלי' שרייבער הי"ו פון לאנדאן, און מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' אלי' סימאן שליט"א.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר ישראל בלייער הי"ו פון מאנטריאל, מיט ברכת המזון האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' לייבוש טייטלבוים שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד וקרית ויואל משה.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר מנחם גרשון לעבאוויטש הי"ו חבר הנהלת

המוסדות אין וויליאמסבורג. עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א פארציילט פון זקינו הרה"ק ר' אלעזר ניסן זי"ע וועמענס יארצייט עס געפאלט אום יום שלש עשרה מדות הבעל"ט, און מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו חבר הנהלת המוסדות אין וויליאמסבורג.

## יום שב"ק

ארום 9:40 איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען אין ביהמ"ד הגדול צום דאווענען. פסוקי דזמרה האט געדאווענט מוה"ר דוד שמעון פראמאוויטש הי"ו, און שחרית האט געדאווענט פאר'ן עמוד הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א ר"מ בישיהתיה"ק, מיט פתיחת ארון קודש איז מכובד געווארן הרה"ג ר' מרדכי דוד קאהן שליט"א ר"מ בישיתיה"ק בקרית יואל. דער רבי שליט"א האט געדאווענט מוסף פאר'ן עמוד לרגל די הילולא פון זקינו הרה"ק ר' אלעזר ניסן זי"ע.

ביי דער סעודת יום שב"ק בביתו נאוה קודש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הב' בן הר"ר אהרן במהרש"א טייטלבוים שליט"א מיט ברוך ה', און מיט ברוך א-ל עליון האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הב' בנש"ק בן הרה"ג ר' קלמן יושע אשכנזי שליט"א פון לאנדאן, מיט ברכת המזון האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' קלמן יושע אשכנזי שליט"א.

בערך 6:45 איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צו מנחה ושלש סעודות, מיט אודה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ח ר' יודל ווערצבערגער הי"ו ראש המשוררים בחצרות קדשינו, און מיט שיר המעלות האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ח דוד הויער הי"ו ס. ראה"ק דקהלתינו הק', ווי מען האט געזינגען די ניי פארפאסטע ניגונים פון ימים נוראים שנת תשע"ב, מיט ידיד נפש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ח המרומם ר' מאיר שטיין הי"ו און מיט קל מסתתר האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר חיים העללער הי"ו.

צו תפילת מעריב מוצש"ק האט דער רבי שליט"א יורד געווען לפני התיבה לקראת די הילולא קדישא פון זקינו הרה"ק ר' אלעזר ניסן זי"ע.

•

מוצש"ק איז בביתו נאוה קודש פון מרן רבינו שליט"א פאהרגעקומען די חאלאקע'ס פון הילד בן מוה"ר יצחק טובי' פריעדמאן הי"ו פון וויליאמסבורג, בן מוה"ר אביגדור וויינבערגער הי"ו פון וויליאמסבורג.

•

היינט אינדערפרי איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צו סליחות אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג אום 5:45 , ווי דער בעל תפילה איז געווען מוה"ר חיים יעקב גוטמאן הי"ו.

ארום 8:30 איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צו שחרית ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה הב' בן מוה"ר ישראל משה בערקאוויטש הי"ו פון וויליאמסבורג, און הב' בן הר"ר מרדכי אהרן זאבעל הי"ו פון קרית יואל.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' מנחם יושע בערקאוויטש הי"ו פון וויליאמסבורג.

•

אין די מיטאג שעה'ן האט מרן רבינו שליט"א בטירחא דגופא עוסק געווען אין בניית הסוכה שע"י ביתו נאוה קודש ווי דער רבי שליט"א האט מסכך געווען סוכותו ביי זיין ספרים שטוב.

•

ארום 6:00 אזייגער איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד הגדול צו די שבת-שובה דרשה ווי דער רבי שליט"א האט נאך די לענגערע דברי פולפול ואגדה אין די סוגיא פון חצי שיעור מעורר געווען בדברי מוסר והתעוררות אין פארשידענע ענינים (תוכן דברות קודש וועט אי"ה נאכפאלגן).

~•~

ביינאכט איז בביתו נאוה קודש פון רבי'ן שליט"א פאהרגעקומען די חאלאקע'ס פון הילד בן מוה"ר אלישע יואל ראזענפעלד הי"ו, און בן מוה"ר משה דוד גוטמאן הי"ו פון וויליאמסבורג.

~•~

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**